

בס"ד
הרב יוסף משה כהנא
לוי פאלקאוויטש
שירי ר' יו"ט עהרליך ז"ל
אַ עהרליכע ליד
וויליאמסבורג

# אַ עֶהרליכע ליד

שירי ר' יו"ט עהרליך ז"ל



1. ווילאמסבורג
2. לאמיר זיך אומקערען
3. שלא עשני גוי
4. גלות
5. כל נדרי
6. ניסים
7. גמילות חסדים
8. תורה
9. דער גרויסער באשעפער
10. טויזענט דאלער אין איין נאכט

בס"ד

# פארווארט

**"לאמיר זיך אומקערן"** אסאך יארן צוריק, ווען אין אמעריקע האט מען געדארפט האבן גרויסע **"ניסים"**, צו בלייבן א ערליכע איד, גויים האבן פארדינט **"טויזענט דאלער"** א חודש, און אידן אפשר 20 דאלער, איז געווען שווער אין דעם **"גלות"** רוחני, צו מאכן בשמחה די ברכה **"שלא עשני גוי"**. אין יענע צייט האט געוואוינט א ערליכע איד אין **"ווילאמסבורג"** מיטן נאמען רבי **"יום טוב עהרליך"** ז"ל, א איד פול מיט אהבת **"תורה"** און מיט **"גמילות חסדים"**, וואס ביי א תפלת שחרית איז ער געשטאנען און געבעטן צו **"דער גרויסער באשעפער"**, ווי אנדערע שטייען ביי **"כל נדרי"**.

**רבי יום טוב עהרליך** איז געווען א געהויבענער חסידישע סטאלינער חסיד, מלא רגש ודביקות. אויך איז ער געווען א גאונ'ישער שרייבער, א זעלטענער מחדש, מיט מוזיקאלישע טאלאנטן. ער האט געשריבן אפאר הונדערט לידער אויף אידיש, מיט הארציגע געפילן, און הומאר, אמאל מוסר'דיג, און אמאל ווערטלדיג, ווידער ברענגט עס א טרער, און דא א שמייכל, אלע לידער פול מיט אמונה ובטחון, מידות מיט יראת שמים און חיזוק לעבודת השי"ת.

אויך איז רבי יו"ט געווען א קאמפאזירער פון פיל הארציגע און פרייליכע ניגונים, און געשפילט אויף כלי נגינה. ווען מיר געבן ארויס זיינע לידער אין א נייע אכסניה בשם **"א עהרליכע ליד"** ווילן מיר דאנקן השי"ת על רוב חסדיו ביז אהער, און בעטן מיר זאלן זוכה זיין מיט הצלחה און סייעתא דשמיא צו פארשפרייטן די ניגונים פאר כלל ישראל.

אזוי אויך וויל איך באטאנען די קינדער און אייניקלעך פון רבי יו"ט עהרליך, און דעם מכון **"יידיש נחת"**, פאר'ן העלפן צום הצלחה פונעם הערליכן אלבום.

יוסף משה כהנא

# א ספעציעלן יישר כח

מיט די העכסטע שעצע און ליב, וויל איך באדאנקן דעם "קעניגליכן זינגער" ר' לוי יצחק פאלקאוויטש, וואס בסייעתא דשמיא, האט מיט נשמה און טאלאנט, ארויסגעברענגט יעדעווארט אין די לידער אויף א וואונדערליכען אופן.

**יוסף משה כהנא**

בשבח והודיה להשי"ת, בין איך זוכה צו זיין א שותף צו די הצלחה פונעם הערליכן אלבום, און פארשפרייטן די הייליגע ניגונים, צוזאמען מיט ר' יוסף משה כהנא, לידער וואס כלל ישראל וועט פון דעם זיכער הנאה האבן.

**לוי פאלקאוויטש**

# CREDITS:

**A LCHAIM PRODUCTION**
Produced by Harav Yosef Moshe Kahana

**CREATIVE DIRECTOR & VOCAL PRODUCER**
Naftali Schnitzler

**MANAGEMENT**
Chaim Gottesman, Avrumy Lunger

**MUSICAL ADVISOR**
Hershy Weinberger

**MUSIC**
Avi Korlansky at Zmirot (Banet) Studio

**VOCALS**
Naftali Schnitzler at House of Music
Shlome Wechter at Volume Studios
Hershy Weinberger at MK Studios

**CHOIR**
Hershel Brisk at Michael Weinberger Studio
מיכאל וויינבערגער, יוסי וויינבערגער, נפתלי
לנדסמן, שמוליק גולדשטיין, הערשל בריסק

**KIDS CHOIR**
Yossi Gluck at Shevach Studios

**MASTERING**
Itzik Filiba

**MIX**
Ravid Kashti, Aviv Yarimi, Lipa Brauner

**DRUMS**
Avi Avidani

**BASS**
Guy Dan

**GUITARS**
Avi Singolda

**PIANO**
Yaron Gottfried, Avi Greenberg, Yehuda Galili

**BRASS**
Moran Baron, Rafi Davidov, Natan Birman

**STRINGS**
Zemirot Philharmonic Group

**WOODWIND**
Dor Assaraff

**CLARINET**
Avrum Balti

**VIDEO PRODUCTION**
שלמה ריבקין ,וויליאמסבורג
יענקלה קרישבסקי ,כל נדרי
אהרן זאב ברנשטיין ,כל נדרי

**ART & DESIGN**
Yanky Perl

# א ספּעציעלן יישר כח

פאר אלע וואס האבן זיך אפגעגעבן פאר דעם שיינקייט פונ'ם חשוב'ן אלבום,

א ספּעציעלן יישר כח פאר אלע וואס האבן זיך אפגעגעבן פאר דעם שיינקייט פונ'ם חשוב'ן אלבום, ובראשם **"נפתלי משה שניטצלער"** וואס מיט זיינע זעלטענע כשרונות האט זיך איבערגעגעבן מיט צייט, מח, און הבנה עמוקה, אויפ'ן העכסטן און שענסטען אופן.

**אברומי לונגער** אין המצוה נקראת אלא על מי שגומרה.

**הערשי וויינבערגער** דער וואונדערליכע קאמפאזירער און באקאנטער זינגער וואס האט אונז באגלייט פון די ערשטע מינוט מיט זיין טאלאנט און איבערגעגעבנקייט.

**שלמה זלמן וועכטער** מיט זיין געטריישאפט און טיפע הבנה.

**הערשל בריסק** דער גרעסטער מעבד קולי מיט חכמה בינה ודעת.

**חיים גוטסמן** איש הכישרון שמסר נפשו להצלחת האלבום.

א ספּעציעלען יישר כח פאר די געטרייע מעמבער'ס פון "לחיים" **ר' שלמה גאלדמאן, אייזיק פרידמן** פאר'ן צוגעבן צו די הצלחה פון לחיים אלעמאל, מיט אזויפיל כח הארץ און מי, מיט געטריישאפט אן קיין שיעור.

**אברהם מרדכי שווארץ** א ידיד מיט הארץ, א זעלטענע מבין מיט פארשטאנד, לייגט אלעמאל צו א האנט.

**יואלי פאלאטשעק** - ארויסגעהאלפן מסדר זיין די ענינים.

**חזן הערש איינהורן** פיתוח קול, געטרייערהייט העלפט שטענדיג גערן, מיט א טיפע חכמה וויאזוי א שטומע דארף זיך הערן.

# א ספּעציעלן יישר כח

א יישר כח פאר די וואס שטייען צו הילף אלעמאל

**חיים מרלין** א תורה'דיגע איד
**יוסף יצחק לאנגסאם** א ערליכע איד
**וועלוול שמעלצר** א געלונגענע איד
**זאנוויל וויינבערגער** א דערהויבענע איד
**ארעלע סמט** א נשמה איד
**יעקב אליעזר מאליק** א זיידענע איד
**מיכאל וויינברגר** א וואוילע איד
**יוסי וויינברגר** א זיסע איד
**נפתלי פרלוב** א חשובע איד
**יעקב דסקל** א צדיק פון א איד
**פיני גליק** א כשרונות'דיגע איד
**יוסי גיל** א הייליגע איד
**מענדי הרשקוביטש** א מוזיקאלישע איד
**וועלוול פעלדמאן** א געבענטשטע איד
**שמילי אונגר** א פיינע איד
**חנוך קמינר** א באליבטע איד
**יצחק ליש** א חסידישע איד
**יואל שמעון קליין** א זאפטיגע איד
**חזקי שטיין** א סאטמארע איד
**נחום גרינוואלד** א גוטע איד
**יהודה רוטשטיין** א גאלדענע איד
**ישראל דהאן** א מוצלחדיגע איד
**משה שמשון פישר** א פעסטע איד
**יואלי שטיינמץ** א מעכטיגע איד

יוסף משה כהנא

א ספּעציעלע יישר כח פאר מיין טייערע אשת חיל און מיינע זיסע קינדערלעך, זעלדי, יודלע און עלקי, מיינע גרעסטע פענס אין מבינים!

די חיזוק און עצות פון ענק אלע איז געווען די וויכטיגסטע זאך אין דעם אלבום. די צייט וואס מען האט פארברענגט אין סטודיו און אויפן טעלעפאן און די שעות וואס ענק האבן אוועקגעגעבן פון זיך קען מען נישט ארויסשרייבן.

**יואלי גליק** א ארטיסטישע איד
**שלמה פרסטר** מיין ארץ ישראלדיגע איד
**בערל האניג** א קריאטיוו איד
**צאלי מרגוליות** א איבערגעגעבענע איד
**אורי בוים** א פריינטליכע איד
**משה קאפ** א סוקסעספול איד
**מענדי ווייס** א הצלחה פון א איד
**יואלי הארוויץ** א שירה'דיגע איד
**שלומי ווערצבערגער** א ווארימע איד
**יואלי זיגלמאן** א נאנטע איד
**הרשי סגל** א געשמאקע איד
**יוסי פריד** א תענוג פון א איד
**שלומי ברנשטיין** א העפליכע איד
**מנחם קויפמאן** א געוואלדיגע איד
**אלי ציג** א מוסטער פון א איד
**אליעזר פעקעטע** א אויסגעצייכענטע איד

לוי פאלקאוויטש

# 01 וויליאמסבורג

מארסי עוועניו, וואטש יור סטעפ!
(דער קאנדאקטער רופט אויס
ביי די מארסי עוועניו באן סטאנציע,
אין וויליאמסבורג)

א. אין וויליאמסבורגער גאסן,
ווען איהר גייט ארויס ווי עס הייבט אן טאגן,
און איהר נעמט בעטראכטן איר פון ווייטן.

זעט איהר אידן גיין אין שטריימלעך,
ציצית, בערד מיט ווייסע זאקן,
און די פאות הענגען ביי די זייטן.

גייען פרויען, טראגן סחורות,
פיש מיט מילך און ברויט מיט פירות,
אלע אין די שייטלען און פארראקן (מאנטל).
זיי לויפן דורך די גאס באשיידן,
מיט קיינעם ווילן זיי נישט ריידן,
און אויף קיינעם ווילן זיי נישט קוקן.

אין יעדער גאס א תלמוד תורה,
זיצן קינדער לערנען תורה,
און ישיבות פיל פארהאן איז דארטן.

פון איינער הערט מען "המניח",
און דער צווייטער "השולח",
פון דער דריטער שרייט מען "הכל שוחטין".

און די טאטעס פון באגינען (אינדערפרי),
לויפן מענטשן געלט פארדינען,
אלע אפגעדאוונט א מחי'.
פארקויפט מען פלייש, פארריכט מען טישן,
און פון צייט צו צייט צווישן,
כאפט מען זיך א קוק אין א משניות.

פארהאן אין וויליאמסבורג א דאקטער,
וואס א טלית קטן טראגט ער,
און א לויער'קע א אשה כשרה.

פארט א טעקסי, מחותנים,
ראשי ישיבות מיט רבנים,
און דער דרייווער רעדט מיט זיי אין תורה.

צו וועלכן איד איהר וועט אריין גיין,
וועט ער עסן אייך דערלאנגן,
און וועט מיט אייך מאכן א לחיים.

ווילט איר האבן עולם הבא,
פאלגט דעם איד און בלייבט אויף שבת,
וועט איהר מיינען עס איז ירושלים.

אוי! וויליאמסבורג!
א מחי' גאר,
זיי וואוינען דארטן, פיינע אידן,
אויף מיר אזא יאר.

אוי! וויליאמסבורג!
ס'איז גאר א נייע וועלט,
מען לערנט תורה,
מען דאנקט דעם בורא,
אין יעדן געצעלט.

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
פון דעם רבי'נס הויז,
א טומל גייט ארויס,
עס טאנצן חסידים,
א ליהודים,
הויבן זיך דורכאויס.

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
ארום'ן לאנגן טיש,
הויבן זיך די פיס,
אויסגעצויגן,
אויסגעבויגן,
לעבעדיג און פריש.

איי! וויליאמסבורג!
זי האט קיין גלייכן נישט,
ס'איז מים חיים,
ירושלים,
פון דעם גלות איד.

וויליאמסבורג!
א מזוזה אויפן טיר,
ס'איז פול מיט שירה,
פול מיט יראה,
א געזונט אויף איהר.



ב. פרייטיג באלד נאכמיטאג,
ווערט אין וויליאמסבורג פארמאכט די
געשעפטן,
שנעל עס לויפן אין די הייזער אלע.

מען פוצט זיך אויס,
מען וואשט זיך אויס,
מען נעמט זיך אן מיט נייע קרעפטן,
אויפן טיש עס שטייט שוין ווין מיט חלה.

דער מאן ער גייט אוועק אין שול,
די פרוי זי נעמט דעם קרבן מנחה,
זאגט צום ערשט די שבת'דיגע תחינה.

דער מאן ער קומט צו גיין פון שול,
די פרוי באגעגנט אים מיט שמחה,
און אויף זייער קאפ עס רוהט די שכינה.

אין די מקוה, פון באגינען,
קען מען אידן שוין געפינען,
עס דאכט זיך, אז זיי זיצן דארט כסדר.

איינער האלט זיך אין איין וואשן,
איינער האלט זיך אין איין ווישן,
און איינער שטענדיג זוכט ארום די קליידער.

און פון דער מקוה נעמט מען לויפן,
דורך די גאסן דורך די הויפן,
פון די מאנטלען שטעקן די טליתים.

און יעדער איינער לויפט צום רבי'ן,
און טוט אויף אים אכטונג געבן,
און ער פירט זיך ווי דער
רבי הייסט אים.

אוי, יעדער רבי איז א וואונדער,
יעדער האט זיין וועג באזונדער,
ווי מען דינט דעם טאטע'ן בשמים.

און ווען איינער מאכט שוין קידוש,
זאגט דער צווייטער א חידוש,
זינגט דער דריטער שוין א מארש
א נייעם.

ביים קלויזנבורג'ער פאלן טרערן,
און טיפע קרעכצן ביי דעם
סקווירא'ן,
און די סטאלין'ער חסידים שרייען.

ביי סאטמאר'ן נישט אנגעפאנגען,
מען איז אין מקוה ערשט געגאנגען,
ביי די וויזשניץ'ער טרינקט מען
שוין לחיים.

אוי! וויליאמסבורג!
אין תורה ודעת,
אויבן לערנען קליינע קינדער,
אונטן חברה ש"ס.

אוי! וויליאמסבורג!
ווינער יונגעלייט,
גייען רואיג
דאווענען מנחה,
קומען פונקט אין צייט.
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
ביי מיר, אין בעלז, אין גור,
פאפא, צעהלים'ער,
און תלמידות פון בית יעקב,
וואו מען גיבט א קער.

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
באסעס פארן שווער,
פיהרן מיליטער,
קינדערלעך אין די ישיבות,
פיהרן הין און הער.

איי! וויליאמסבורג!
זי איז נישט אליין,
פארהאן ביי אונז נאך ווינקעלעך,
וואס זענען אזוי שיין.

וויליאמסבורג!
דער עיקר נאר איין זאך,
מען זאל האבן אידיש נחת,
פון די קינדערלעך
קעניינעהארע! קעניינעהארע!

**עיבוד:** נפתלי משה שניטצלער
**כאָר:** מיכאל וויינבערגער
**קינדער כאָר:** יוסי גליק
**מיקס:** רביד קשתי



# לאמיר זיך אומקערן

**עיבוד:** משה לאופער
**כאָר:** ר' הערשל בריסק
**מיקס:** אביב ירימי

02

א. בעזרת השם, דא נישט ווייט אויף
די וועגן,
א טרעין פול מיט מענטשן עס פארט,
איין טרעין פארט גלייך, און די צווייטע
אנטקעגן,
יעדער צו זיך אויף זיין ארט.

פארן זיך אידן, פאררוקט אין א ווינקל,
יעדער אהיים צו זיך פארט,
ס'איז צייט דאווענען מנחה,
עס איז שוין באלד טונקל,
און פרעמד אומבאקאנט איז דער ארט.

איינער גייט צו, צום קאנדאקטער אים
פרעגן,
און קומט גלייך צוריק מיט א געוואלד,
מיר האבן פארבלאנדזשעט אויף
אנדערע וועגן,
מיר מוזן זיך אומקערן באלד.

אוי לאמיר זיך אומקערן אידעלעך,
צוריק אויפ'ן ריכטיגן וועג,
אוי לאמיר זיך אומקערן ברודערלעך,
אוי איידער דער טאג גייט אוועק.

ווייל א מענטש איז נישט מיין (מער),
פון פלייש און פון ביין,
און ער קען מאכן א פעלער,
ווער עס האלט קאפ,
שטעלט זיך גלייך אפ,
און טוט זיך אומקערן וואס שנעלער.

ב. און ביי דעם בארג סיני, האט מען
אונז געגעבן,
א גלייכן און זיכערן וועג,
וואס פירט בשלום אדורך אונזער לעבן,
און פירט נאך אונז ווייטער אוועק.

עס האט זיך געטראפן, עס האבן פיל
אידן,
אביסל אין זייט זיך אוועק,
און האבן פארזעהן די סימנים צו היטן,
און זענען אראפ פון דעם וועג.

מען טראגט פרעמדע נעמען,
מען עסט פרעמדע עסן,
מען האט נישט קיין אידיש'ן בליק,
זיי האבן שוין נעבעך אינגאנצן
פארגעסן,
אז ס'איז דא א וועג אויף צוריק.

אוי לאמיר זיך אומקערן
אידעלעך,
צוריק אויף דעם ריכטיגן וועג,
אוי לאמיר זיך אומקערן
ברודערלעך,
צוריק צו אמאליגע טעג.

א מענטש איז נישט מיין,
פון פלייש און פון ביין,
און ער קען מאכן א פעלער,
ווער עס האלט קאפ,
שטעלט זיך גלייך אפ,
און טוט זיך אומקערן וואס
שנעלער.

אוי לאמיר זיך אומקערן
אידעלעך,
כל זמן די זון נאך זי שיינט,
לאמיר זיך אומקערן ברודערלעך,
וואס גיכער, וואס שנעלער נאך
היינט.

אנטקעגן טוט שטיין,
א ליידיגער טרעין
אהיים באלד צוריק וועט ער
פירן,
וואס געווען, איז געווען,
וואס געשען, איז געשען,
אזוינס טאר שוין מער נישט
פאסירן.

ג. עס איז היינט געווארן, די
וועלט פארגעשריטן,
מען לעבט אין א צייט פון
אטאם,
אבער פארדארבן מען איז היינט
אין זיטן (הנהגות),
פונקט ווי אין די צייטן פון סדום.
מען וויל שוין היינט פליען, אויך
צו דער לבנה,
זיי ווילן נאך העכער שוין גיין,
און אלע ווייסן מיר דאך די
כוונה,
צו קאנען פערניכטן וואס מיין.

מיר האבן די וואונדער, געזען וואס
זיי קענען,
וואס לעצטע טעכניק האט
געמאכט,
אזוי שנעל און פונקטליך,
פארברענען מיליאנען,
וואס האבן עס גארנישט
ערוואַרט.

עס האט די קולטור, פאר די
מענטשן געגעבן,
נאר צער מיט פערדראס, מיט
געוויין,
מען זאגט צו א שענערן און
בעסערן לעבן,
עס קראכן א פלעין נאך א פלעין.

אוי לאמיר זיך אומקערן אידעלעך,
אנטלויפן פון זיי ווי געשווינד,
לאמיר זיך אומקערן ברודערלעך,
ווייל זיי סמ'ען אפ אונזער קינד.

ווייל די גאנצע וועלט,
איר כבוד, איר געלט,
די גאנצע הנאות פון לעבן,
זענען נישט גערעכט און זענען
נישט ווערט,
אפילו א קרעכץ פאר זיי געבן.

אוי לאמיר זיך אומקערן אידעלעך,
צום טאטן אין הימל צוריק,
לאמיר זיך אומקערן ברודערלעך,
פערזיכערט אייך אייביגן גליק.

לאמיר נאר זעהן,
ווי שיין איז געווען,
די צורה פון אלטיטשקן זיידן,
געלעבט אויף דער וועלט,
עס האט גארנישט געפעהלט,
אצינד פרייט ער זיך אין גן עדן.

ה. דער רבונו של עולם, אים
בענטשן און לויבן,
האלט אפען די טויערן פון גליק,
און אלע טעג שרייט א בת
קול פון אויבן,
קערט זיך אום קינדער
צוריק.

און אט דער בת קול,
פארשטעלט זיך פארשיידן,
ווי ס'איז ביים בארג סיני
געווען,
"וכל העם רואים את
הקולות",
די קולות די ריידן,
האט מען אפילו געזעהן.

דער בת קול טוט זיך,
אין דעם הארץ אריינקריגן,
און עס ווערט א בענקעניש
דארט,
אמאל ווי א בילד און
אמאל ווי א ניגון,
און אמאל ווי א פשוט'ער
ווארט.

לאמיר זיך אומקערן
ברודערלעך,
לאמיר זיך אומקערן
אידעלעך.



# שלא עשני גוי

**עיבוד:** משה לאופער
**כאָר:** ר' הערשל בריסק
**קינדער כאָר:** יוסי גליק
**מיקס:** רביד קשתי

03



א.
שלא עשני גוי,
שלא עשני גוי,
אט די ברכה טוט מען מאכן אלע
טאג אזוי.

שלא עשני גוי,
שלא עשני גוי,
יעדן טאג דארף
מען זיך פרייען
זייער פיל אזוי.

טאטע געטרייער,
דו ביסט דאך ביי אונז טייער,
שווער צו געפונען,
ווי אזוי דיר אפצודינען.

נישט דא קיין געדאנקען,
כדי דיר צו דאנקען,
וואס צום פאלק פון אידן,
טוען מיר באלאנגען.

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
אבינו בשמים,
דיין פאלק אט דעם געטרייעם,
דארפסטו שוין אויסלייזן,
און משיח'ן קומען הייסן.

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
שוין צוויי טויזנט יארן,
א תל פון אונז געווארן,
און דיר נישט פארראטן,
די טייערע סאלדאטן.

מען האלט אין איין יאגן,
מען האלט אין איין שלאגן,
און מיר טוען רואיג, אלע צרות
איבערטראגן.

אפילו וועסט יאגן,
אפילו וועסט טרייבן,
מיר וועלן נישט אוועקגיין,
מיר וועלן ביי דיר בלייבן.

ב.
שלא עשני גוי,
שלא עשני גוי,
נאר מיט דעם אליין
צופרידן זענען מיר
אזוי.

שלא עשני גוי,
שלא עשני גוי,
אפילו וועסט קיין
שכר נישט געבן,
איז אויך גוט אזוי.

דער טלית, די
תפילין,
די זיסע געפילן,
דער חומש, דער
סידור,
דאס זיין צווישן
גוטע ברודער.

די הייליגע תורה,
די שוהל, די מנורה,
די מדות,
די חסידות,
דאס לערנען זיי
בתמידות.

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
מיט'ן טלית קטן,
איז דאך אלעס
געראטן,
די יארמולקע פון
אויבן,
קען מען קיינמאל
נישט צורויבן.

אוי, אוי, אוי, אוי,
די צניעות'דיגע
קליידער,
באשיצן דאך כסדר,
דעם צוגרייטן און
פירן,
די קינדערלעך
אין חדר.

די מזוזה ווידער,
איז דער בעסטער
היטער,
דערמאנענען זיך וואס
שטייט דארט,
מוז מען טאן א
שטארקן ציטער.

דאס אלעס אינאיינעם,
איז נישט דא ביי
קיינעם,
נאר ביי דעם אידן, דעם
ערליכן און ריינעם.

ג.
שלא עשני גוי,
שלא עשני גוי,
מיר דארפן נישט האבן
מער,
דאס איז גענוג אזוי.

שלא עשני גוי,
שלא עשני גוי,
דאס אליין עס טוט
אונז טרייסטן,
און עס שטארקט אזוי.

עס קומט ראש חודש,
און דער שבת קודש,
מנורות,
מיט תורות,
און מאכלים, גוטע
פירות.

דער טעם פון עולם
הבא,
ליגט אויף יעדן חלק,
מען זאגט לכבוד שבת,
ווערט עס תיכף הייליג.

אוי, אוי, אוי, איי, איי,
די ימים נוראים,
מחילת חטאים,
די תשובה קען דאך
מאכן, צדיקים גרויסע
פון רשעים.

אוי, אוי, אוי, אוי,
אוי, אוי,
די סוכה'לע די קליינע,
די מינים פיהר די
שיינע,
מען פרייט זיך מיט'ן
בורא,
מען פרייט זיך מיט
זיין תורה.

א יאר פון הרוגות, א
יאר פון היזקות,
מיר נעמען עס מיט
ליבשאפט און מיר
בעטן זיי נישט ברוגז,
מיר זענען שולדיג,
נישט קיין גערעכטע,
דו ביסט דער גוטער,
מיר זענען די שלעכטע.

ד.
שלא עשני גוי,
שלא עשני גוי,
עס איז אבער שווער
זיך האלטן, יארן לאנג
אזוי.

עס איז אלעס איינס
פאר מיר,
עס איז אלעס איינס
פאר אייך,
אויב דער באשעפער
וויל א פאלק,
מוז ער אויסלייזן גלייך.

שלא עשני גוי,
שלא עשני גוי.

# גלות

**עיבוד:** יהודה גלילי
**כאָר:** ר' הערשל בריסק
**מיקס:** אביב ירימי



און ווען משה איז געקומען,
און מצרים איין גענומען,
האבן אידן אנגעפאנגען גוטע צייטן זעהן,
אלע פולע מיט עשירות,
און מיט שיינע רייכע דירות,
און די מצרים זענען ביי זיי שכנים געווען.

און אידן,
נישט צופרידן,
געליטן,
געוואלט ווי שנעל ארויס.

גלות, אוי גלות,
אזוי פלעגן זיי רעדן,
מוחל דיינע גליקן,
און לאמיר זיך צושיידן.

גענוג זיין אינאיינעם,
מיט די שלעכטע שכנים,
מיט האסן, מיט שפאסן,
מיט ווי טאן יעדן איינעם.

יעדן פאלק מען האט געגעבן,
א באזונדער לאנד צום לעבן,
און א הויז האט יעדן גלויבן,
זיין ג-ט צו לויבן.

נאר אליין דעם פאלק פון אידן,
זיצט אין גלות אומצופרידן,
און זיין גלויבן זיינע זיטן (הנהגות),
קען ער נישט היטן.

גלות, גלות,
מען קען שוין מער ביי דיר נישט לעבן,
גלות, גלות,
עס איז גענוג דיין גליק,

דער באשעפער,
האט זיי גלייך א הילף געגעבן,
און געבראכט זיי,
אין זייער לאנד צוריק.

ר' יו"ט עהרליך:
עטליכע טויזנט יאר זענען פאריבער פון
יענע צייט, ווידער איז דער איד היינט
אין גלות,

מיט אט די שווארצע לייט.
אויך היינט לעבט מען ברוך השם מיט
וואוילטאג און עשירות,
שיינע געשעפטן מיט שיינע דירות.
און מען טוט זיך קוויקן, ווי א ווארעם
עסט זיך איין אין כריין און קוועלט,
ער מיינט קיין זיסערע זאך איז נישטא
אויף דער וועלט.
מען וויל גאר נישט טראכטן פון אונזער
הייליגע לאנד,
וועלכער ליגט שוין יארן לאנג, ביי חפשים
אין האנט, צו שפאט און צו שאנד.

און ווערט דערשטיקט און דערדריקט פון
ווייטאג און פארדראס,
ז' בענקט נאך די ערליכע אידן און א
ברעג, און א מאס.
און ז' בעהט מען זאל מתפלל זיין פאר
איר אזוי שנעל ווי איר קענט,
דער באשעפער זאל איר אויסלייזן פון די
פרייע הענט.

אויפן הימל איז גרויסארטיג
אלעס שטייט שוין גרייט און פארטיג
משיח וויל שוין קומען,
און עס פעהלט נאך א האר,
נאר איין שאלה טוט ער שטעלן,
ווי קען ער דען קומען וועלן,
אז דער גלות טוט דעם איד געפעלן
ביז גאר.

ער בעהט נישט,
ער רעדט נישט,
ער מאנט נישט, אזוי.



גלות, אוי גלות,
ווי לאנג וועט מען נאך ליידן,
ווי לאנג וועלן זיך ציען,
די שלעכטע וויסטע צייטן.

גלות, אוי גלות,
ווי לאנג וועט מען נאך
שמאכטן,
מען קען שוין מער נישט
דולדן,
מען קען שוין מער נישט
ווארטן.

און די צרות ווערן שווערער,
איין טאג פון די צווייטן
מערער,
און דער הימל ווערט נישט
קלארער.

גלות, אוי גלות,
און פאר אונזער עקשנות,
צאלסטו אונז גאר אן רחמנות,
אלע טאג מיט מער סכנות,
און מער קרבנות.

גלות, גלות,
האסט אונז פרייהייט פיל
געגעבן,
יעדער איינער, קען טאן וואס
ער וויל.

גלות, גלות,
פאר דיין גוטן זיסן לעבן,
האבן אידן, באצאלט דיר
זייער פיהל.

גלות, אוי גלות,
מיר וועלן דיר געדענקען,
די שענסטע זוהן און טעכטער,
געטוהן האסטו אומברענגען.

גלות, אוי גלות,
דו האסט גענומען טרייבן,
יעדער איינער זעהט שוין,
מען קען ביי דיר
נישט בלייבן.

אבער גיי פארהויב
די פאלעס,
און זיי זוכן די הצלות
אוואו דו גייסט און וואו דו
קומסט,
איז גלות, אוי גלות.

מען קען פון גלות
נישט אנטלויפן,
מער נישט נאר
מיט אט דעם אופן,
צום באשעפער דארף מען לויפן,
זאגן און קלאגן.

באשעפער גרויסער,
דער גלות טוט אונז ארויס טרייבן,
לאזט נישט רוהען,
די צרות זענען גרויס.

באשעפער גרויסער,
מיר קענען דא שוין מער נישט
בלייבן,
האב רחמנות.

טאטע טאטע,
האב רחמנות,
נעם אונז שוין ארויס פון גלות,
משיח זאל שוין קומען,
און לייז אונז תיכף אויס.

# כל נדרי

**05**

**עיבוד:** יהודה גליל׳י
**כאר:** לוי
**מיקס:** ליפא בראנער

א.
איי ליי לו לו לו לו,
איי ליי לו לו לו לו,
זיצט זיך דער סאסוב׳ער,
ביים קינד׳ס וויגעלע,
איי ליי לו לו לו.

איך האב געטון דא פארביי
גיין,
און דערהערט כ׳האב א
געוויין,
איך קום אריין,
איך קוק זיך איין,
ליגט א קינד אליין.

עס האט די אויגעלעך
פערמאכט,
און די מאמע האט געטראכט,
איינס און צוויי,
טאן א גיי,
און הערן כל נדרי.

אין שול,
איז פול,
און שפעט איז שוין די שעה,
און דארט,
אויף זיין ארט,
דער צדיק איז נישט דא.

דער טאג איז אוועק,
אן אומעט א פחד א שרעק.

די אויגן ביי אלע מיט
טרערעלעך פול,
די ערטער שוין אלע
פארנומען אין שול,
עס פעלט נישט קיין איד אין
דעם שפעטיגן שעה,
נאר דער צדיק, דער צדיק,
נישט דא.

ב.
איי ליי לו לו לו לו
איי ליי לו לו לו לו
שטייט זיך דער סאסוב׳ער,
ביים קינד׳ס וויגעלע,
איי ליי לו לו לו.

ווישט דער צדיק אפ א
טרער,
וויגט די וויג אהין, אהער,
שא, מיין קינד,
שלאף געשווינד,
האב קיין מורא נישט.

אין שול דיין מאמע
אויסגעציהט,
שטייט און בעט ביי דעם
וואס היט,
זאל היטן דיר,
זאל היטן מיר,
זאל היטן יעדן איד.

אין שול,
איז פול,
אין פענסטער איז שוין
שווארץ,
ווער ווייסט, ווער ווייסט,
עס קלאפט אזוי דאס הארץ.

וואס איז געשען,
נאך קיינמאל אזוינס נישט
געווען.

קוקן די אויגן צום הימל מיט
שרעק,
דער צדיק, דער צדיק, וואו
איז ער אוועק,
שווימט אויפ׳ן הימל א
ווייסיגע רויך,
אפשר איז ער אין דער הויך.

ג.
איי ליי לו לו לו לו,
איי ליי לו לו לו לו,
שטייט זיך דער סאסוב׳ער,
ביים קינד׳ס וויגעלע,
איי ליי לו לו לו.

קוק מיין קינד, א ווייסע רויך,
ברענגט מלאכים פון דער
הויך,
און מען זינגט,
און מען ווינקט,
און מען קוועלט אזוי.

זעה ווי שפעט איז שוין די
נאכט,
און די גאנצע הימל ווארט,
דו זאלסט זיין שיין,
און איך זאל גיין,
זאגן כל נדרי.

דער צדיק וויל גיין,
מאכט דאס קינד א
געוויין, נישט ווייך, נישט
וויין, איך וועל דיר נישט
לאזן אליין.

גיט זיך דער צדיק א
דריי, און צום הימל ער
גיט א געשריי.

ווי קען מען א קינד
לאזן וויינען אליין,
בעשעפער הער אויס
דיינע קינדער׳ס געוויין,
געלאזן אויף הפקר, צו
שאנד און צו שפאט,
מען טאר נישט
פארלאזן זיי, ג-ט.

געלאזן אויף הפקר, צו
שאנד און צו שפאט,
מען טאר נישט
פארלאזן זיי, ג-ט.





# ניסים

**06**

**עיבוד:** נפתלי משה שניצלער
**כאר:** ר׳ הערשל בריסק
/מיכאל וויינבערגער
**אינגל:** יודל פאלקאוויטש
**מיקס:** רביד קשתי



ניסים, ניסים, ניסים, טוט
געשעהן,
נאר קיינער טוט נישט וויסן,
און קיינער טוט נישט זעהן.

ניסים, ניסים, ניסים, טוט
געשעהן,
נאר קיינער טוט נישט וויסן,
און קיינער טוט נישט זעהן.

ניסים, איז אלעס, מען דארף
עס מער נישט וויסן,
אז מען לעבט אדורך א טאג,
אז מען שלינגט אראפ א ביסן.

איר גייט צווישן שיכורים, מען
טוט אייך נישט קלאפן,
גייט דארטן א שיכור, די הוט
טוט נישט צו כאפן.

ניסים, ניסים, ניסים, טוהט
געשעהן,
נאר קיינער טוט נישט וויסן,
און קיינער טוט נישט זעהן.

מיט א גאלדענע קייטל,
שפאצירן גייט זי איידל,
קומט אהיים בשלום, צוזאמען
מיט דער קייטל.

א באנקעט פון די מוסדות,
אנגעפילטע טישן,
אויבן אן עס זיצט נישט, א
גרויסער פאליטישן.

ניסים, ניסים, ניסים, טוט
געשעהן,
נאר קיינער טוט נישט וויסן,
און קיינער טוט נישט זעהן.

איינער האט געקריגן א
שטעלע, גאר א גדלות,
אינגאנצן אן פראטעקציע,
אינגאנצן אן השתדלות.

אין ישיבה פעהלט א רבי, א
מגיד שיעור להלכה,
מען האט צוגענומען איינעם,
נישט פון דער משפחה.

ניסים, ניסים, ניסים, טוט
געשעהן,
נאר קיינער טוט נישט וויסן,
און קיינער טוט נישט זעהן.

איר זעצט זיך עפעס עסן,
דער עסן האט א מעלה,
נישט דא אויף דעם קיין
טענה, נישט דא אויף דעם
קיין שאלה.

חסידים פון צוויי רבי׳ס,
געשמועסט פול מיט
דביקות,
צוויי שעה אפגעזעצן,
אינגאנצן אן מחלוקת.

א מיידל פון א אפיס, דער
טאטע האט די דעות,
זי זוכט דוקא א חתן, מיט
אראפגעלאזטע פיאות.

א בר מצוה בחור, א ביבער
הוט טוט טראגן,
ער האט גארנישט קיין
מורא, וואס די כלות וועלן
זאגן.

דער אויטאבוס געקומען,
דער עולם א צושפארטער,
דער ערשטער איז צופרידן
אז ער גייט אריין דער
אכטער.

אין גראסערי מען שפארט
זיך, מען טוט זיך גארנישט
שעמען,
דער ערשטער איז צופרידן,
דער לעצטער כאטש צו
נעמען.

אין אמעריקע איז שווערלאך
א גביר צו ווערן,
אין ארץ ישראל זענען אלע
מיליאנערן.

ווי אזוי מ׳קויפט א דירה,
פארשטייט נישט יעדער
איינער,
און מען טוט אויך שידוכים,
אינדרויסן שלאפט נישט
קיינער.

די פרייזן שטייגן
שרעקליך, נאך קיינמאל
נישט געוועזן,
און יעדער האט וואס
אנטאן און יעדער האט
וואס עסן.

א הפגנה פארגעקומען,
די משטרה טוט יאגן,
איינער איז געבליבן,
מען האט אים נישט
געשלאגן.

די ווענט אין מאה
שערים זענען פול
מיט שפאלטן,
מען קלאפט אויף
דעם מודעות און עס
טוט זיך האלטן.

ווילד די אויטובוסן,
לויפן אויף די מענטשן,
אז מען גייט אדורך
בשלום, דארף מען גומל
בענטשן.

אין אפיס פון מדינה,
נישט געווען קיין זארגן,
מען האט אייך גלייך
ערלעדיגט, נישט
געהייסן קומען מארגן.

אן אסיפה אין די כנסת,
פון אלע פארטייען,
דורכגעגאנגען
מענטשליך, אן ווילדע
געשרייען.

נאר אזאנע ניסים,
ניסים, ניסים.

# גמילות חסדים

**עיבוד:** אברמי גוררי
**כאָר:** ר' הערשל בריסק
**מיקס:** אביב ירימי





א. דער בעל שם טוב איז אמאל,
געגאנגען איבער בארג און טאל,
און געקומען אין א שטאט,
וואס מען רופט איר בראד.

איינמאל אין א גאס גייט ער,
און ער קוקט זיך היך און הער,
זעט ער גייט א איד אין וועג,
און טראגט שווערע פעק.

איינגעבויגן,
אראפ געלאזט די אויגן,
לויפן קינדער און זיי שרייען: ציג,
יעדער טוט עהם זאג
געזונט זאלט איר טראגן,
געזונט זאלט איר זיין ענטפערט ער צוריק.

דער בעש"ט זעהט זיין פנים,
פול מיט הייליגע סימנים,
פון זיין שטערן שיינען ווי צוויי ליכט.
ער קען זייער גוט די בליקן,
פון די ל"ו צדיקים,
ער האט נישט געזעהן אט דעם געזיכט.

ער נעמט פרעגן דעם און יענעם,
יעדער איינער טוט עהם קענען,
דאס איז הערשל, וויסן קליין און גרויס,
ער האלט אויס אין הויז פיר ציגן,
פרישע מילך פון זיי טוט קריגן,
און פערקויפט און האלט די ציגן אויס.

דעם בעש"ט טוט פארדריסן
וואס פון איד ער טוט נישט וויסן,
און ער פאסט און ביים בעשעפער בעהט,
ליבער טאטע טוה מיר זאגן,
וואס דער איד ער טוהט פארמאגן,
וואס פון שטערן שטראלן צוויי מען
זעהט.

לערנען זאגט מען, קען ער גארנישט,
דאווענען אפשר אויך א האר נישט,
און פון שטערן שיינט ארויס א שיין,
דער בעשעפער טוט עהם הערן,
און ער טוט עהם העלפן גערן,
זיין בקשה טוט ממלא זיין.

ב.
דורך געלאפן א צוויי טעג,
דער בעל שם טוב גייט אין וועג,
פלוצלינג זעט ער איין מיט פרייד,
אט ר' הערשל גייט.

הערשל זאגט ער, "הער מיך אויס,
איך בין אפגעשוואכט דורכאויס,
מילך א ביסל פון א ציג,
כוחות ברענגט צוריק.

הערשל הייבט די אויגן,
א שמייכל אויסגעצויגן,
קום! זאגט ער ר' איד צו מיר אין הויז,
איר וועט דארטן קריגן,
מילך פון מיינע ציגן,
און ווער עס טרינקט עס, ער היילט זיך
תיכף אויס.

ערגעץ ווייט אונטערן שטעטל,
ליגט א ברעטל אויף א ברעטל,
שטייט דארטן א חורבה אין א זייט,
ארום בלאטע, בערג מיט שטיינער,
פוילע קלעצער, אלטע ביינער,
הערשל דארטן וואוינט די גאנצע צייט.

אין הויז א קנאפע פערגעניגן,
שפרינגען אויף עהם אלע ציגן,
לעקן עהם און קושן עהם מיט פרייד,
הערשל נעמט זיך גלייך א קריגל,
און ער מעלקט זיך אויס א ציגל,
געבט און זאגט אויך: טרינקט
געזונטערהייט.

דער בעל שם טוב קען נישט רעדן,
ס'האט די מילך טעם גן עדן,
הערשל זאגט ער: איך בעט דיר הער
מיך אויס.

עס מעג אפילו דיר פארדריסן,
נאר דעם סוד מוז איך היינט וויסן,
וואס ביי דיר פון פנים שיינט ארויס.

הערשל שמייכלט, מיינע שונאים,
וואס מען זעהט שוין אין מיין פנים,
איך האב מיין פנים קיינמאל נישט
געזעהן.
נאר אז איר האט גרויסע אויגן,
וועל איך קיין זאך נישט פארבויגן,
און איך זאגן וואס עס איז געשעהן.

ג.
איך האב אמאל געהאט א פרוי,
אַן ערליכע געווען אזוי,
אירע יאהרן טאג און נאכט,
פון זיך נישט געטראכט.

שטענדיג נאר געטראכט זי האט,
פון די קראנקע פון די שטאט,
און פאר די ארימעלייט,
געשענקט איר גאנצע צייט.

געטראגן זיי עסן,
קיינמאל נישט פארגעסן,
געזען עס זאל נישט פעהלן זיי
קיין זאך,
מען פלעגט דערזעהן איר גייען,
פלעגן זיי זיך פרייען,
און ברכות פלעגט זי אנקלייבן אסאך.

איינמאל איז דער טאג געקומען,
און מען האט איר צוגענומען,
אוועק איז איר נשמה אין דער הויך.

און איך בין געבליבן איינער,
טרייסטן נישט געקומען קיינער,
און איך האב געוואלט גיין מיט
איר אויך.

איך האב נישט געקענט פארגעסן,
נישט געטרונקען, נישט געגעסן,
אויסגעדארט, געווארן הויט און ביין,
און אין ערגעץ נישט געגאנגען,
און צוביסלעך אויסגעגאנגען,
איך האב נישט געוואלט מער זיין
אליין.

און ביינאכט האט עס געטראפן,
האלב געדרימלט, האלב געשלאפן,
און אפשר איז געווען עס אויפ'ן וואר.

# גמילות חסדים

איז מיין פרוי צו מיר געקומען,
און האט רעדן שטיל גענומען,
און איך זעה און הער איר אזוי קלאר.

הערשל זאגט זי דארפסט נישט קלאגן,
הער אויס וואס איך וועל דיר זאגן,
עס איז דארטן בעסער פיל ווי דא.

נאר מען דארף איין זאך געדענקען,
מען דארף מיט זיך עפעס ברענגען,
דאס געפינט זיך אויף דער וועלט נאר דא.

ד.
ווען דו ביזט אין פעלד אוועק,
איז בעפאלן מיר א שרעק,
קומט א מלאך און זאגט מיר,
מען רופט צום בית דין דיר.

און מיין הארץ איז פוהל מיט קלעם,
ווייל איך האב געהערט פון דעם,
אז מען פייניגט דארט אסאך,
פאר יעדע קליינע זאך.

איך בין אריין געקומען,
זיך אומקוקן גענומען,
עס קומען פנים'ער באקאנט צו מיר.

די ארימע פון שטעטל,
די קראנקע מיט'ן בעטל,
וואס איך פלעג זיי העלפן אן א שיעור.

און מען האט גענומען ריידן,
פיהרט איר תיכף אין גן עדן,
און דער שענסטער ארט באלאנגט צו איר.

זי האט קיינמאל נישט פארגעסן,
ברענגען טרינקען, ברענגען עסן,
און געזארגט פאר אונז אן א שיעור.

עס האט געדונערט, עס האט גערעגנט,
האט מען שטענדיג איר באגעגנט,
מיט א פעקל גיין פון הויז צו הויז.

פרייען זיך אלע דיינים,
אלע שמייכלען מיר אין פנים,
און מיין כבוד איז געווען גרויס.

מלאכים פיל זענען געקומען,
מען האט פיהרן מיר גענומען,
אין גן עדן פירט מען מיר אריין.

איך קען דיר גארנישט איבערגעבן,
ווי געשמאק דא איז דער לעבן,
און איך וויל אויך דיר זאל אזוי זיין.

מארגן זאלסטו גיין און קריגן,
ברענג אין הויז עטליכע ציגן,
און אליין די מילך מעלק פון זיי אויס.

און געפין ביי מיר א צעטל,
אלע קראנקע פון דעם שטעטל,
פרישע מילך זאלסט ברענגען זיי אין הויז.

ה.
און אזוי האב איך געטוהן,
און די מעשה גייט שוין אָן,
פון דער פטירה פון מיין פרוי,
יארן לאנג אזוי.

שטענדיג בין איך אויפן וועג,
און איך טראג די שווערע פעק,
און די מילך איך טייל מיר אויס,
וואו מען דארף דורך אויס.

אידן טוען לאכן,
איך טוה זיך גארנישט מאכן,
מען גריסט זיך און איך ענטפער זיי צוריק,

עס פרייען זיך די אידן,
בין איך אויך צופרידן,
און מיר ארט נישט אז מען רופט מיר ציג.

און נעכטן, הערשל זאגט מיט ציטער,
איז מיין פרוי געקומען ווידער,
און זאגט מיר: הערשל הער מיר אויס,
מארגן קומט דיר ווער אנטקעגן,
ציגן מילך וועט ער דיר פרעגן,
זאלסט עהם פיהרן תיכף אין דיין הויז.

געב עהם מילך עס זאל עהם היילן,
און דעם סוד זאלסט אים דערציילן,
און ער וועט דיר ברענגען זייער הויך,
דו וועסט האבן פערגעניגן,
צו די ל"ו צדיקים,
וועט ער דיר אריין נעמען דאן אויך.

דער בעש"ט פרעגט פון אויבן,
דער בעשעפער טוט ערלויבן,
הערשל ווערט אויך פון די ל"ו,
טאג און נאכט קומט צו עהם איינער,
און עס ווייסט נישט פון דעם קיינער,
און ער לערנט מיט עהם אן א סוף.

הערשל האט א ברען באקומען,
און האט לערנען פיהל גענומען,
נגלה, נסתר, אלץ איז פאר עם קלאר,
די ארבעט אבער מילך צו טראגן,
האט ער נישט געוואלט אפזאגן,
און געטראגן אלע זיינע יאהר.

דער בעש"ט פרעגט פון אויבן,
דער בעשעפער טוט ערלויבן,
הערשל ווערט אויך פון די ל"ו.



# תורה

**עיבוד:** ר' משה לאופער
**כאָר:** ר' הערשל בריסק
**קינדער כאָר:** יוסי גליק
**ילד הפלא:** שלמה וואסערמאן
**מיקס:** רביד קשתי



א.
שוין באלד פיהר
טויזנט יארן,
אז די תורה איז ביי
אידן,
נישט דא קיין שום
חסרון,
יעדער איז צופרידן,

טייכן בלוט מיט ים'ען
טרערן,
פארגאסן האט דער
איד,
און ער האט פאר
גארנישט מורא,
זיין געטרייער ליבער
תורה,
פארגעסן וועט ער ניט.

אין אלע צייטן, אין
אלע ערטער,
וואו עס גייט דער איד,
נעמט ער מיט זיך זיין
באשערטער,
און פארלאזט איר נישט.

ווייל וואו מען איז און ווען
מען איז,
דארף מען לערנען תורה,
תורה מאכט דעם לעבן זיס,
און פאריאגט די מורא.

ווייל וואו מען איז און ווען
מען איז,
דארף מען לערנען תורה,
תורה מאכט די לעבן זיס,
און פאריאגט די מורא.

איך האב ליב צו לערנען
תורה,
נאך און נאך צו לערנען תורה,
תורה איז זיס,
תורה איז גוט,
ס'איז די בעסטע זאך.

איך האב ליב צו לערנען
תורה,
נאך און נאך צו לערנען תורה,
תורה איז זיס,
תורה איז גוט,
ס'איז די בעסטע זאך.

ב.
און צו לערנען תורה, זענען
אלע גלייכע,
בעלי בתים און בני תורה,
ארימע און רייכע,
ווי מען קען און ווי אזוי מען
קען,
אלץ איז וואויל און פיין,
הלל זאגט אפילו מען האט
נישט,
רבי עקיבא זאגט אפילו מען
קען נישט,
און וואו מען זאל נישט זיין.

גמרא, מדרש און משניות,
מוסר, תהלים אויך,
אלס איז חשוב אלס איז טייער,
און הייליג אין דער הויך.

וואו מען איז און ווען
מען איז,
האבן מיר נישט מורא,
דעם לעבן שטעלט מען
איין געוויס,
פאר דער ליבער תורה.

וואו מען איז, ווי אזוי
מען איז,
האבן מיר נישט מורא,
דעם לעבן שטעלט מען
איין געוויס,
פאר דער ליבער תורה.

איך האב ליב צו לערנען
תורה,
נאך און נאך צו לערנען
תורה,
תורה איז זיס,
תורה איז שיין,
ס'איז די בעסטע זאך.

ווייל וואו מען איז און
ווען מען איז,
דארף מען לערנען
תורה,
תורה מאכט די לעבן
זיס,
און פאריאגט די מורא.

ווייל וואו מען איז און
ווען מען איז,
דארף מען לערנען
תורה,
תורה מאכט דעם
לעבן זיס,
נאר דער ליבער תורה.

# דער גרויסער באשעפער

עיבוד: יהודה גלילי
כאָר: ר' הערשל בריסק
מיקס: אביב ירימי

09







א.
דער גרויסער באשעפער, ער
האט דאך בעשאפן,
די גאנצע וועלט, מיט אלעס
וואס אויף איר,
פאר אלע זיי צוגעשיקט, אלעס
וואס זיי דארפן,
באדערפעניש גאר אן א שיעור.

די ערד מינעראלן,
די טייכן, די קוואלן,
די טאלן, די בערג באדעקט
מיט שניי,
די בהמות, די פעלדער,
די חיות, די וועלדער,
די מענטשן וואס פירן אן
מיט זיי.

דער גרויסער באשעפער, ער
האט דאך באשאפן,
דעם הימל, מיט אלעם וואס
אויף אים,
ער גיט יעדן כח, (ווי) פיהל

יעדער טוט דארפן,
צו טאן אין עבודת השם.

די חיות, די שרפים,
די גרויסע מלאכים,
וואס ווערן פון יראה אזש פארברענט,
שירות און זמירות,
די הייליגע ספירות,
אלעס ליגט ביים באשעפער
אין די הענט.

דו גרויסער ג-ט,
ביסט געווען און וועסט
אייביג זיין,
איך בין דיינער און דו ביסט מיין,
דו ביסט שטארק, דו ביסט גרויס,
דו ביסט הייליג דורכאויס,
דו ביסט גוט, דו ביזט פיין.

דו אונזער גרויסער ג-ט,
קיינער פאר דיר איז נישט געווען,
קיינעם נאך דיר וועט מען נישט
זעהן,
ווייל נאר דו, נאר אליין,
פיהרסט די וועלט אזוי שיין,
אלע גלייך, גרויס און קליין.

דו אונזער ליבער גרויסער ג-ט,
מען קען נישט זעהן, מען קען
נישט פילן,
נאר מיט איידעלע געפיהלן,
קען מען עפעס וואס פארשטיין.

דו ביסט א גייסט און
נישט קיין גוף, און מען קען עס
נישט ערקלערן קלאר.

מען קען נישט זעהן, מען קען נישט
הערן גאר,
און כאטש מיר וויסן דאס, אז
אומעטום ביזטו דאך דא,
ביסטו אבער פונקט ווי גארנישט דא.

ב.
דער גרויסער ג-ט,
אנטקעגן אים האט קיין זאך קיין
ווערד,
נישט דא קיין פייער און נישט דא
קיין שווערד,
און דערפאר איז נישט שווער,
צו פארשטיין דעם דערהער,
דאס וואס אייביג איז ער.

דו אונזער גרויסער ג-ט,
אייביג וועסטו זיין און ביזט
געווען, מען קען נישט ציילן,
נישט דא פון ווען,
ס'איז נישט נאנט, נישט וו״ט,
און עס האט נישט קיין צייט,
ווייל דאס איז אייביגקייט.

דו אונזער ליבער
גרויסער ג-ט,
דו האסט געשאפן אלע זאכן,
און וואס זיי טוען און וואס זיי מאכן,
אלעס טוסטו דאך אליין.

די אלע זאכן קומט פון דיר,
מיין יעדער תנועה און מיין יעדע
ריר,
אלעס וואס איך טראכט און וואס
איך שפיר,
די געפיהלן וואס אין הארצן עס
ליגט ביי מיר,
אלעס, עס נעמט זיך נאר פון דיר.

ג.
דו גרויסער ג-ט,
דו האסט געגעבן די בחירה מיר,
און אויך אויף דעם דארף מען אן
א שיעור,
בעטן שכל און מוט,
יעדער זאך וואס מען טוט,
זאל זיין ריכטיג און גוט.

איין זאך באלאנגט צו מיר,
דאס איז מיין רצון, מיין וועלן זיין,
גוט און ערליך און פרום און פיין,
און אפילו אויף דעם,
דארף מען בעטן ביי השם,
ווייל דאס אויך קומט פון אים.

דו גרויסער גאט!

# טויזנט דאלער אין איין נאכט

**עיבוד:** יזשע קאלער
**כאָר:** ר' הערשל בריסק
**מייקס:** רביד קשתי

קיין אמעריקא ווען איך בין
געקומען,
האב איך מיך גלייך גענומען זינגען,
אויסגעגרינט נאך נישט געווארן,
און איך ווייס נישט ווי אזוי צו פארן.

אלע גאסן אין איין צורה,
אלע הייזער אין איין שורה,
די זעלבע פענסטער, די זעלבע
שטיגן,
און די זעלבע פערגעניגן.

און איך האב געמיינט ביז דאן,
אז אפטאון און דאונטאו
איז איין זאך,
ביזנעס קארדס האב איך געמאכט,
איך זיץ אין מיין צימער און איך
ווארט.

שמחות מאכט א יעדער איינער,
און איך בין א אינטערטעינער,
קיינער האט מיך נישט אינזינען,
געבן אפאר סענט פארדינען.

איינמאל הער איך עס הייבט אן,
קלינגען שטארק דער טעלעפאן,
העלאו!
עס רעדט דער זינגער, דער גרינער
(ער האט נאך נישט קיין גרין
קארד)
ביים ברייטאן ביטש האבן מיר
א דינער.

וויפיל נעמט איר?
פופציג דאלער!
גוט! מיר זענען גוטע צאלער,
נעמט פארשרייבט אייך די אדרעסן,
איר זאלט קומען נישט פארגעסן.

זאג איך פיין!
ווען וועט דאס זיין?
מארגן אין אוונט, אזייגער ניין.

דעם אדרעס האב איך גענומען,
איך האב צוגעזאגט צו קומען,
ווי צו פארן וועל איך פרעגן,
ביי די פארערס אויף די וועגן.

פלוצלונג געבט זיך מיר א ציטער,
איך הער דער טעלעפאן קלינגט
ווידער,
העלאו!
עס רעדט דער זינגער, דער גרינער,
אין עליזעביט האבן מיר א דינער.

וויפיל נעמט איר?
פופציג דאלער!
נו! גוט מיר זענען גוטע צאלער,
נעמט, פארשרייבט אייך
די אדרעסן,
איר זאלט קומען, נישט פארגעסן.

זאג איך פיין!
ווען וועט דאס זיין?
מארגן אין אוונט, אזייגער ניין.

זאג איך, איך בין שוין פארנומען,
נו! וועט איר שפעטער קומען,
מיט א קאר איז א געלעכטער,
מען קען זיין אויף צוויי דריי ערטער.

פלוצלונג געבט זיך מיר א ציטער,
איך הער דער טעלעפאן קלינגט
ווידער,
העלאו!
עס רעדט דער זינגער, דער גרינער,

העלאו! מיר דארפן אייך האבן
אויף א דינער.
דאס וועט זיין ביי אונז אין באסטן,
קיין הוצאות וועט נישט קאסטן,
ביי די טרעין וועט מען
אייך אפווארטן,
און די פרייז דארף מען נישט
טראכטן.

זאג איך פיין!
ווען וועט דאס זיין?
מארגן אין אוונט, אזייגער ניין.

אוי! זאג איך, איך בין שוין
פארנומען,
זאגט מען, וועט איר שפעטער
קומען,
מיט א פלעין איז א געלעכטער,
מען קען זיין אויף צוויי דריי
ערטער.

ביז צוויי אזייגער ביי דער נאכט,
האב איך ביים טעלעפאן
פערבראכט,
ביזנעס!
צוואנציג ערטער גוטע צאלער,
אין איין אוונט טויזנט דאלער,

איך זאג אייך אידן, גאר אן קנאה,
ס'איז א גאלדענע מדינה,
און ביז עס איז טאג געווארן,
האב איך געמאכט דעם פלאן
צו פארן.

צום ברייטאן ביטש וועל איך
פארן פריער, זיי האבן געבעטן
זייער פונקטליך, און פון דארטן
גלייך קיין באסטן,
פינף מינוט, ס'וועט גארנישט
קאסטן.

און פון דארטן, קיין
ראטשעסטער, און פון דארטן,
קיין וועסטשעסטער,
ווייל פון אפטאון ביז דאונטאון,
איז דאך מער נישט ווי א שפאן.

און פון דארטן קיין
איסט ניו יארק, און פון דארטן
קיין וועסט ניו יארק, אין איין
וועג,
און פון דארטן קיין ניו העיוון,
און געלט וועט וואקסן
ווי אויף הייוון.

און קיין בראנקס,
קיין קאני איילענד,



און קיין קווינס און
קיין לאנג איילענד,
און פון דארט
קיין קיו גארדנס,
מען האט צוגעזאגט
צוווארטן.

און אז די פיס וועלן
נישט זיין קיין מידע,
וועל איך נאך א פאר
טאן קיין פלארידע.

אויף מארגן ווען עס
איז נאכט געווארן,
בין איך מיך
ארויסגעפארן
עקספרעס,
אין מויל קיין ביסן
נישט גענומען,

איך וועל שוין עסן
וואו איך וועל קומען.

געקומען ביזן לעצטן סטאפ,
א פאליסמאן געבט מיר א כאפ,
פירט מיר מיסטער צו צום ים,
קוקט ער און זאגט מן הסתם,
האט איר געוואלט פארן אראפ
דאונטאון,
פארקראכן זענט איר קיין
אפטאון.

און צוריק בין איך געלאפן,
און א לאקעל (טעקסי)
אנגעטראפן,
און צוויי שעה האט עס גענומען,
ביז איך בין צום ארט געקומען,
אין זאל איז נישט געווען שוין
קיינער,
נאר דער שמש דרייט זיך איינער.

זאג איך אים א גוטן אוונט,
זאגט ער מיר א גוטע נאכט,
דער עולם האט שוין לאנג
פארבראכט.

איי, זאג איך מילא וועל איך דאן,
לויפן שנעל קיין אפטאון,
אבער איך בלייב שטיין אן לשון,
איך האב אויף קאר-פעיר נישט
קיין גראשן.

צום שמש האב איך זיך
אויסגעצויגן, און מיט
טרערן אין די אויגן,
פליז!
זאגט מיר שנעל די וועג
קיין באסטאן,
איך וועל גיין מיט די פיס,
ס'וועט מיר גארנישט
קאסטן.

צוריק בין איך
אין טרעין געזעסן,
נישט דא קיין געלט,
נישט דא קיין עסן,
איך קום אהיים,
עס נעמט שוין טאגן,
וואס וועל איך דער
בעל הבית'טע זאגן.

זי וועט מיר נעמען
אינטערטעינען,
עס וועט זיין צום לאכן
און צום וויינען.

א גאנצע צעטל האט זי
שוין צונויפגעשטעלט,
וואס צו טוהן מיט אט די
געלט.

מען דארף שיך און מען
דארף קליידער,
און דער לענדלארד און
דער חדר,
דער גראסערי מאן און דער
בוטשער,
און עפעס לאזן פאר די
פיוטשער.

און די גאנצע מעשה איז
געשעהן אינגאנצן,
ווייל איך האב נאך
דעמאלטס
נישט געוואוסט,
אז אויף צוויי חתונות
קען מען נישט טאנצן.

# אַ עהרליכע ליד

שירי ר' יו"ט עהרליך ז"ל

1. ווילאמסבורג 2. לאמיר זיך אומקערען
3. שלא עשני גוי 4. גלות 5. כל נדרי 6. ניסים
7. גמילות חסדים 8. תורה 9. דער גרויסער באשעפער
10. טויזענט דאלער אין איין נאכט



לחיים Lechaim
www.lchaimusa.com • 718-369-2090

יידיש נחת

כל הזכויות שמורות © 2023 Lchaim Productions
All Rights Reserved. Unauthorized duplication
TO ANY FORMAT is against the law & Halacha.

8 26807 23027 9